פֿון די גרין־מאָכיקע שינדלדעכער האָבן אײַזצאַפּנס געטריפֿט אַנטקעגן דער אויפֿגייענדיקער זון, ווי צעטאָפּיעטער חלבֿ פֿון ברענענדיקע ליכט. בײַנאַכטיקע פֿרעסטלעך האָבן נאָך געריסעוועט אײַזגעמעלן אויף די פֿאַרקאָוועטע טאָפּל־פֿענצטער, וואָס די בײַטאָגיקע זונשטראַלן האָבן גענומען אָפּהאַקן — „צווײַגן“, „שטאַנגען“, „בלעטער“, געמאַכט אַ „מאַזשגאַר“ פֿונעם „ווינטער־גאָרטן“ אויף די געפֿרוירענע שויבן...

פֿאַרגאַרטלטע ייִדן אין וואַטאָווע שפּענצערס, פֿאַרבאַבליעטע ייִדענעס אין גראָבע שאַלן, צעוואָקסענע כּלה־מיידלעך אין געלאַטעטע לאַפּטשעס, אַלע זײַנען געשטאַנען אַרום די באַלאַגעֿרטע בעקערײַען און געוואַרט אין דער ריי שעהען, אויפֿן שוואַרצן, קלײַענעם קוויטלברויט, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן צו האַלבע פֿונטן פֿאַר אַ פּערזאָן...

אינעם קליינעם שנײַדערשן שילכל, האָט קהל אײַנגעמויערט אַ גרויסן, אײַזערנעם קעסל, וואָס איז יעדן טאָג אָנגעפֿילט געוואָרן מיט שפּײַזן פֿון אַמעריקאַנער קאָנסערוון־פּושקעס, ווו באַלעבאַטישע מיידלעך, אײַנגעלאַדענע פֿון די שטאָטדאָזאָרעס, האָבן אויסגעטיילט דאָס געשמאַקע עסנוואַרג צו די פֿאַרהונגערטע לײַט... אָרעמע מענטשן זײַנען געקומען מיט בלעכענע קענדלעך, אײַזערנע טעפּלעך, צינערנע שיסלען, וואָס די ייִחוסדיקע אויסטיילערינס האָבן אָנגעפֿילט מיט פֿרומע פּנימער און האָפֿערדיקער זיכערקייט, אַז אויף זיי וואַרטן אין די וואַרעמע היימען אַ גוטער קרופּניק מיט אַ פֿעטן פּעטשײַ...

בלויז בײַם שטעטלשן זייגער־מאַכער, איז שוין וואָכן נישט געווען קיין טראָפּן וואַרעמס אויפֿן געפֿרוירענעם אויוון... פֿאַרטאָן אין כאַאָס פֿון מלחמה־גרוילן, האָט קיינער נישט אין זין געהאַט צו פֿאַרריכטן צעבראָכענע זייגערס... דעריבער האָט מען בײַם זייגער־מאַכער זיך לאַנג געמוטשעט מיט אַ שטיקל פּיסנע ברויט, אַ האַרבער ציבעלע, שוואַרצן רעטעך און — שטיל, באַלעבאַטיש — געהונגערט... פֿונדעסטוועגן איז דעם זייגער־מאַכערס מיטלסטע טאָכטער, מירעלע, פֿאַרבעטן געוואָרן צווישן די אָנגעזעענסטע, נגידישע „פֿרײַלינס“, צו העלפֿן אויסטיילן די אַמעריקאַנער געשאָנקענע געקעכטסן...

מירל, אינעם ערשטן אויפֿבלי פֿון אָנקומענדיקער יונגשאַפֿט, איז געשטאַנען בײַם זידנדיקן שפּײַזקעסל, מיט אירע געדיכטע, שוואַרצע לאָקענעס, ווי געפֿלאָכטענע הבֿדלות — צעוואָרפֿן אַרום שלאַנקן האַלדז, ווי סאַמעטענע סטענגעס... איר טונקעלע אָליוון־הויט אַ ביסעלע פֿאַרטריקנט־געמאַרשטשעט פֿון שווערן קאַמף מיטן אויסמאַטערנדיקן הונגער... אירע גלאַנציקע ביראָויגן, סודותדיק אינעם פֿאַרענדיקן קעסל געזונקען... דאָס פֿאַרשמאַכטע מויל, אירע פֿאַרהונגערטע נאָזלעכער, אירע בלייכע הענט און ציטערדיקער גוף, אַלץ אין איר האָט טיף אין זיך אַרײַנגעניוכעט די געשמאַקע ריחות פֿון געפּרעגלטע שוואָמען, זיסע בוריקעס און — דער עיקר — די גוט גערייִשטע קליסקעלעך מיט ביבערלעך... דאָס דאָזיקע שמעקנדיקע מאכל האָט פֿאַרשיכּורט ממש מירלס לעכצנדיקן גומען... בײַ יעדן שעפּ ,וואָס מירל האָט געטאָן אינעם קאָכנדיקן קעסל, האָט זי אַזוי קונציק מאַנעווערירט מיטן גרויסן לעפֿל, אַז פֿונעם עסן זאָל זיך כאָטש אַראָפּקאַפּיען אַ ביסעלע אויף אירע שמאָלע פֿינגער, וועלכע זי האָט גיך אַ כאַפּ געטאָן צו אירע פֿאַרטריקנטע ליפּן, געלעקט, געשלונגען, אַרײַנגעאָטעמט די באַטעמטע ריחות.

אַזוי טעג, וואָכן און חדשים, געטיילט וואַרעמע געקעכטסן צו אַנדערע און אַליין געלעבט מיטן פּיסנע שטיקל קוויטלברויט...

* *

די גרעסטע טייל אינעם שטעטל, האָט זיך גענערט פֿון שמוגלערײַ. געפֿירט מעל, סאַכאַרין, קיין גאַליציע און פֿון דאָרטן צוריקגעבראַכט, מאַכאָרקע, ציגאַרן און סתּם אַלטוואַרג... ווער ס'האָט נאָר פֿאַרמאָגט אײַנצושטעלן, איז געפֿאָרן שמוגלען... כאָטש ס'רובֿ האָט מען די סחורות פֿאַרנומען, נאָך איידער די באַן איז אָפּגעפֿאָרן קיין ראָזוועדעוו... דאָך, ווען עס איז יאָ געלונגען איבערצוקומען די גרענעצוואַך בשלום, יענע האָבן געגעסן פּוטער־קוכנס אין אַ פּראָסטן אינדערוואָכן...

* *

בײַם זייגער־מאַכער האָט מען לאַנג אַרומגעזוכט צווישן שטוביקע חפֿצים, וואָס צום פֿאַרקויפֿן, פֿאַרזעצן, אַבי צונויפֿצושטוקעווען אויף עטלעכע פֿונט מעל, אַ ביסל סאַכאַרינקעס, זאָל נאָר זײַן מיט וואָס אײַנצופֿעדעמען, ווײַטער, איז דאָך מירעלע אַ מויד — אַ ברען, „שפּרעכט דאַטש“ ווי אַ וואַסער, די עסטרײַכישע „שמאַטע־ליאַלקעס“ (צונאָמען פֿון זעלנער) קריגן די ניכפּה פֿאַר איר זגראַבנעם גענגל, פֿאַר אירע הויכע פֿיס, עלאַסטישער פֿיגור. די רעשט? — איז דאָך גאָט אַ פֿאָטער... שווער איז אַ ביסל אָנגעקומען דאָס קריגן פֿאַר איר אַ „פּשעפּוסטקע“ — (דערלויבעניש צו פֿאָרן מיטן באַן) — מירל איז נאָך מינדער־יאָריק און אַזוי ווי אַלע 14 קינדער — נישט פֿאַרשריבן געוואָרן אין מאַגיסטראַט... אירע טאַטע־מאַמע געדענקען נישט גענוי אין וועלכן יאָר און אין וועלכן חודש... דער טאַטע מיינט, אַז מירל איז געבוירן געוואָרן פֿאַר יעקלען, דער מאַמען דאַכט זיך, אַז מירל איז געפֿאַלן אויף דער וועלט — נאָך דבֿורהן און די באָבע איז כּמעט ווי זיכער, אַז ערשט נאָך חיהלען — די עלפֿטע — האָט מירל קאָמפּלעטירט בײַם זייגער־מאַכער דעם 12טן שבֿט... אָבער גענוי, ווייסט קיינער נישט... נאָר אַזוי ווי מירעלע איז הויך אין געשטעל, ברייט אין די פּלייצעס, פֿול אין די באָקעס, האָט איר דער פֿאָטער גענומען אין מאַגיסטראַט אַרײַן אָפּצושאַצן איר עלטער...

דאָס קרעפּקע שרײַבערל האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, איין אייגל פֿאַרקריליעט, מיטן צווייטן אַרומגעקוקט מירלען, ווי מען באַקוקט אַ טעליצע אויפֿן מאַרק, אַ ביסל צוגעסמאָטשקעט מיט זײַנע תּאווהפֿולע ליפּן און גיך אַ פֿאַרשרײַב געטאָן 16 יאָר... און כאָטש מען האָט טאַקע נישט געדענקט — צי פֿאַר יעקלען, אָדער נאָך חיהלען, איז דער זייגער־מאַכער פֿונדעסטוועגן זיכער געווען — אַז ווינציקער — און אַ „בענטש“ געטאָן דאָס שרײַבערל: „אַזוי פֿיל פּרישטשיקלעך אים אויף דער צונג, וויפֿל ווינציקער פֿון 16...“. אָבער — אַ דערלויבעניש צום פֿאָרן מיט דער באַן האָט מירל באַקומען... איצט האָבן בלויז געפֿעלט די פּאָר גראָשן, „אײַנצוזאַלצן“. פֿאַרזעצן דעם טאַטנס אויסגעריבן טולעפּל? קוקט אויס ערגער פֿון אַ געפּגרטער קאַץ. דער מאַמעס סאַטינדיליאָנענע קרינאָלינע? שיט זיך ווי פּרוכנע. די מיידלעכס איבערגעניצעוועטע ספּאָדניצעס? נישט ווערט קיין דרײַער. ביז אַלעמענס בליקן זײַנען געפֿאַלן אויפֿן ירושה־חפֿץ — די גלעזערנע „סערוואַנטקע“, וואָס שטייט אויף דריט האַלבן פֿיס, שאָקלט זיך, ווי אַ ייִד צו שמונה־עשׂרה, אָבער דורך די געפּענקעטע שויבן, האָט אַרויסגעפֿינקלט אַ צעקנייטשטער **קידוש־בעכער**, מיט אַ געלעכערטן הינטן, און אויסגעלענקטן פֿראָנט, דאָך — „פּראַוודזשיווע“ זילבער, מיט דער פּראָבע אויפֿן סאַמע דנאָ, וואָס אַפֿילו אויף **שמעלץ** האָט עס געגעבן עטלעכע פֿונט מעל, אַ פּאָר לויט סאַכאַרין און — קאַיאָר, ווען די באַנוועגלעך האָבן געפֿירט שמוגלערס צו דער סטאַציע, איז צוגעקומען **אַ פּאַרשוין** — מירעלע, אין איר עלטערער שוועסטערס לאַנגער יופּקע, דער מוטערס ברייטן האַבעליאַק, צעפּלאָשעטע קודלעס פֿאַרדרייט אין גלעקלעך — אויסגעקוקט סטאַלע... דאָס ביסל סאַכאַרין, אײַנגענייט אינעם סטאַניקל, דאָס מעל — פֿאַרשטעקט אין אַ שטרויען קיישעלע, פֿאַרלייגט פֿון אויבן מיט אַלטוואַרג, אַ צעבראָכן שפּיגעלע, אַן

אויסגעשטשערבעט קעמעלע; ס'וועט פֿאַרבלענדן אויפֿן צאָלאַמט די **קירה'שע** אויגן... די מאַמע אין צעדריוולטן טשיפּיק, האָט מירלען אַרויסבאַגלייט מיט ברכות, דער טאַטע אינעם לאַנגן טלית־קטן, האָט אויסגעשפּרייט זײַנע פֿרומע הענט איבער מירלס קאָפּ, איר פּשוט געבענטשט. ווי פֿאַר כּל־נדרי... די שוועסטערן האָבן געשנײַצט די נעז, געווישט די אויגן... און שטעטלשער עולם האָט נאָכגעקוקט מיט רחמנות־פּנימער: — „נעבעך, אַ קינד נאָך און שוין— אַ שמוגלערין...“

מירל צום ערשטן מאָל אין לעבן— אויף אַ באַן. די רעדער מאַכן קולות, דער קוימען סוויסטשעט, איר האַרץ, ווי אַ „מיער“ — פֿאָכעט, פֿאַר די אויגן דרייען זיך מילשטיינער, דער בלויער הימל פֿאַלט כּורעים, די אויפֿגייענדיקע זון — שׂרפֿעט, בלענדט און דער קורצער וועג — אַן אייביקייט...

אויפֿן צאָלאַמט, אַ שיקלדיק זעלנערל, אין אַ לאַנגן שינעל, געדרייטע קרײַקעס אַרום דינע פּיס, טוט אַ לײַכטן באַטאַפּ אין מירלס קיישעלע... כאַפּט אַ בליק אינעם צעבראָכענעם שפּיגעלע, טוט אַ נאָרע ס'ביסל שמאַטעס און — הײַדאַ — „**מאַרשירען**“...

מירל צעטומלט, גלייבט נישט אירע אויגן, אַז זי איז שוין טאַקע אין ראָזוועדעוו?... די זון שײַנט נישט סתּם, נאָר בליאַסקעט מיט טונען גאָלד, מירל האָפּסלט, טענצלט, איבערגעקומען די ערשטע שמירה... דאָס שטרויענע קיישעלע טראָגט זי מיט אַזאַ פֿאָריע, גלײַך בריליאַנטן אין דעם... אַ הויכער גאַליציאַנער, מיט אַ שמאָל קאָזעבערדל, קורצע פּאות און לאַנגער בעקעשע, שטעלט מירלען אָפּ דער ערשטער:

„פֿרוילײַן“, האָבן זי עפּעס גיץ אין קײַשעלע ?...“ מירל מיט שטאָלץ: — „אַ שאלה?“ — „וואָס זשע האָט עך“? „ווײַעכס, האַרעטס?“ (סימנים פֿון מעל, סאַכאַרינקעס). מירל ייִחוסדיק: — „אינץ האָב מע בײַדע“... דער גאַליציאַנער האַלט זי שוין פֿעסט בײַם קיישעלע: „קימץ אַראַאַן פֿרײַלײַנשי...“ מירל רײַסט זיך אַרויס: — „אינץ האָב מע צאַאַט...“

* *

עטלעכע שעה שפּעטער, אינעם זעלבן קיישעלע, אויפֿן פּלאַץ פֿון מעל — פּעקלעך טוטין, מאַכאָרקע... אינעם סטאַניקל, צוויי שורות אײַנגענייט — שאַרוטן... דאָס גרענעץ־„היטערל“ האָט שוין געוווּסט, אַז אין „מעדכענס טאַשע“ ליגט אַ צעבראָכן שפּיגעלע און אַלטע שמאַטקעלעך, דערפֿאַר בלויז אַ גלעט געטאָן איר יונגע הויט: — „היבשעס וועזן — גייען זי ביטע“...

פֿאַרנאַכט, דער שענסטער, וואָס מירל געדענקט. די אונטערגייענדיקע זון, אין גאַנצן אויף איר טאַטנס שינדלדאַך, מיניעט, בלישטשעט, ווי אָפּגעשיט מיט געשליפֿענע דימענטלעך... דאָס גאַנצע שטעטל, אײַנגעהילט אין אַ ראָזע־זײַדענעם טוניק, דער געלעכערטער שאָסיי, ווי אויסגעגלײַכט, אַפֿילו דאָס יאַמע־געסל, יום־טובֿדיק געכּשרט, אַזוי ווי דעמאָלט ווען מ'האָט אָפּגעוואַרט דאָס אָנקומען פֿון ביסקופּ...

מירל איז געזעסן בײַם געגרייטן טיש — אַ מיוחס, א פּרנסה־געבערין, זיך שטאָלץ געגוידערט און מיט גרויס הנאה געגעסן איר פֿאַרבענקטע מאכל — **קליסקעלעך מיט ביבערלעך**...

* *

זינט איר ערשטן „דעביוט“ אַלס שמוגלערין, איז מירל עטלעכע מאָל אין וואָך אַדורך די גרענעצוואַך בשלום... און כּדי די „קנעפּלעך“ אויפֿן צאָלאַמט זאָלן אײַננעמען אַ **מיתה־משונה**, ווערן אַ קאַפּיטשקע בלינד, האָבן שמוגלערס

אונטערגערוקט — אַ פֿלעשל מעד, אַ פּעקל ציגאַרן, אַ קילאָ מעל... דאָך האָט יעדער טאָג געהאַט אַ קרבן... אַ מאָל, אַ גוייִש מסירהלע, אַ מאָל אַ געטוישט נאַטשאַלניקל, ס'רובֿ אַפֿילו די אָפּגעחורשטע זשאַנדאַרן אַליין, געמאַכט די בראָך אין עטלעכע קיישעלעך... אָבער שמוגלערס האָבן זיך נישט מיאש געווען. יעדן טאָג, נײַע טרוקן, פֿאַרבלענדעניש... אָט האָבן מענער זיך אויסגעפּוצט אין שבתדיקער הלבשה, ווײַבער פֿאַרשלייערט אין ברייטע היטן מיט לאַנגע וואַלקעס, עלעגאַנטע רענצעלעך, און בילעטן — ערשטע קלאַס... אַזעלכע פּאַסאַזשירן האָט מען אַדורכגעלאָזט אָן רעוויזיעס...
נו, האָבן אויך מירלס נײַע שיך געסקריפּעט אַ מהלך ווײַט. איר נײַ־געבלימטע קליידל, רונדיק, ווי אַ צעעפֿנטער פֿאָכער, ס'ווײַסע קאַפּעליושל מיטן גרינעם וואַלקעלע — וואָס איר מוטער האָט גערופֿן — „אַ ניזוק פֿאַרן פּנים“ — האָט פֿון איר אַראָפּגעלויכטן, און אויפֿן זוניקן טראָטואַר האָבן די שטיינער געזונגען אונטער איר טענצלדיקן גענגל...

אָבער, נאַטשאַלסטווע האָט זיך גיך געכאַפּט אויפֿן חידוש, אויף דער צו ליידיקער — דריטער קלאַס... און נאָך מער, אויף דער פֿול באַזעצטער ערשטער קלאַס... מיט די עלעגאַנטע דאַמעס? — יום־טובֿדיק געקליידטע מענער? מ'דאַרף אַ שמעק טאָן צו זייערע לעדערנע וואַליזקעס... און — דער „באַלאָן“ האָט געפּלאַצט...

די באַנוועגעלעך זײַנען אַרײַן אין שטעטל מיט צעקנייטשטע קאַפּעליושן, פֿאַררוקטע „ניזוקס“ אויפֿן מיטן קאָפּ, פּנימער ווי נאָך אַ שׂרפֿה, די אויפֿגעשניטענע רענצלעך, ווי געפּאַלמעסטע בײַכער, אויסגעקוקט גלײַך טרויער־עגלות וואָלטן געברענגט הרוגים פֿון אַ שלאַכט... אַפֿילו דער שמאַטעוואַטע הימל האָט מיטגעפֿינצטערט אויפֿן טרויעריקן „ספּעקטאַקל“...

*   *

און — שמוגלער האָבן געפֿונען נײַע אײַנפֿאַלן. פּשוטע פּלאַכטעס צונויפֿגענייט אין צווייען, אויסגעשטעפּט מיט ברייטע פּאַסן, זיי אָנגעפֿילט ווי קישקעס, מיט מעל, צוקער, אײַנגעצויגן אויפֿן הוילן גוף עלעהיי גאָרסעטן... וואָס מאָגערער אַ מענטש, אַלץ גרעבערע גאָרסעטן אויף די לײַבער...

האָט אויך מירל זיך אויפֿגענייט צוויי אַזעלכע „סטוטשנע גאָרסעטן“... אַהין וועג, אויסגעפֿילט מיט מעל, צוריק — מיט טוטין... און ווײַטער געגעסן קליסקעלעך מיט ביבערלעך...
אין קראָקע האָט זיך געיאַוועט אַ פֿרישע דערפֿינדונג — ווייכער כראָם, וואָס מ'האָט געקאָנט אויף זיך אָנטאָן צו עטלעכע פֿעלעכלעך און ערשט אויף די פֿעלעכלעך, דעם טוטין־גאָרסעט... עולם האָט עס גערופֿן: „משה־זיכמער“ און ס'איז לאַנג אָנגעגאַנגען דער דאָזיקער: „משה־זיכמער“...

*   *

געווען איז דאָס פֿאַר ראָש־השנה, די טעג נאָך זוניק־וואַרעמע, נעכט שוין ווינטיק־קאַלטע. שמוגלער האָבן באַמעלט און באַצוקערט גאַנץ קיר"ה. באַשוכט און באַקליידט קרוין־פּוילן... און **שומרים** אויף די גרענעצן, האָבן געזשליאָקעט — ווײַן, מעד... פֿאַרזאָרגט די „היטער“ — תּמיד צו זײַן בגילופֿין... טויב, בלינד און — שטום...
זעט, איז זי געוואָרן העכער, פֿולער, ווײַבלעכער... זיך פֿאַרשוירן אַ קורצע פּאָלקע, מיט אַ ממזריש גזשיווקעלע, צעוואָרפֿן איבערן גאַנצן שטערן. אירע צוויי שוואַרצע אויגן — פֿײַער פֿון יוגנטלעכן אויפֿבלי.

ס'איז צוויי טעג פֿאַרן פֿאָרכטיקן יום־הדין.

מירל פֿאָרט אַהיים פֿון קראָקע. אויף איר עלאַסטישן גוף אײַנגעפּרענגעט, ווי מיט רייפֿן — ווייכע לעדער, פֿון אויבן איר סטוטשנער טוטין־גאָרסעט און זי אַליין, ווי אַ ציגל אין אַן אײַנגעמויערטער פֿעסטונג... אינעם עלעגאַנטן

רענצעלע, אײַנגעשטעלט, עטלעכע קילאָ צוקער...  וועט מען פּאַקן? — איז וערג זיך דערמיט... אַבי די „פֿעסטונג“ איז געזיכערט...

דער שנעלצוג איז אָנגעלאָפֿן מיט געפֿײַף און בראַזגערײַ... אויפֿן פּעראָן איז פֿינצטער. קאָנדוקטאָרן לײַכטן אַנטקעגן מיט רויטע לאַמטערנדלעך, הושקען זיי, אַרויף און אַראָפּ, רעפֿלעקטירן אויף פּנימער, הענט,  פֿיס, קעפּפֿראַגמענטן פֿון מענטשן... אויפֿן פּוסטן סטאַציאָן, שמינקלענדיקע לעמפּעלעך, פֿאַרגרעסערן נאָך די אומהיימלעכע פֿינצטערניש... די אויסשטײַגנדיקע פּאַסאַזשירן קוקן אויס ווי טונקעלע שאָטנס, וואָס צעלויפֿן זיך, שטופּן זיך, אײַלן צו די באַנוועגעלעך...

מירל, מיטן פֿאַרמויערטן גוף, אויסגעטראַקעוועט, ווי מיט אָנגעצויגענע סטרונעס, גייט געלאַסן, דרייט מיטן בלויען רענצעלע, קאָקעטירט כּלומרשט, ווי אויפֿן שבתדיקן שפּאַציר... פּלוצעם, אַ דין ליריש שטימעלע צעוווּזשלט די טונקלקייט: — „פֿרוילײַן“ — „אירע טאַשע איזט זאָ היבש, צײַגען זי ביטע, וואַס איזט דען דאַרין?“...

מירל דערזעט בלויז קאָנטורן פֿון אַ הויכן מאַן, פֿילט אויף זיך גליִענדיקע בליקן און ס'שײַנט איר, אַז די בענדער פֿונעם אײַנגעצויגענעם גאָרסעט זײַנען פּלוצעם לויזער, צעלאָזטער געוואָרן, אָט, אָט, וועט דאָס אָנגעצויגענע „קרעמל“ זיך געבן אַ צעשיט און אַ פֿאַל טאָן צו אירע פֿיס... אַ שאַרפֿער ווינט טוט אַ הייב איר פֿאַלבירט קליידל, אַנטבלויזט איר הייס געוואָרן לײַב ביז איבער די קניִען... דאָס ווײַסע קאַפּעליושל פֿאַררוקט זיך אויפֿן מיטן קאָפּ, איר שוואַרצער שויבער — צעשיט איבערן גאַנצן פּנים... מירלס האַרץ, גלײַך עמעץ וואָלט דאָרטן מיט פֿויסטן געסטאָרקעט. עס רוישט איר אין קאָפּ, און אין דמיון זעט זי שוין ווי איר מאַמע ברעכט זיך די הענט, די שוועסטערן קלאָגן אויפֿן קול און דער פֿרומער טאַטע מורמלט: — „אַ פֿאַרשטערטער יום־טובֿ“...

– „וואַרום שטייען זי זאָ דום? פֿרוילײַן?“ — שנײַדט די לופֿט דאָס שאַרפֿע, דינע שטימעלע — „פֿאָלגען זי מיר נאַך“ — און מירל פֿילט שוין ווי עמעץ האַלט איר פֿעסט בײַם אָרעם...

אינעם טשערנירטן הימל ציִען דריבנע וואָלקנדלעך, אַ גרויסער שטערן האָט אַ פֿלי געטאָן און ווי מיט אַ סערפּ אַדורכגעשניטן אַ שטיק הימל... דער האָריזאָנט, שוואַרץ ווי סמאָלע. פֿון ווײַטנס זעט מירל דעם געשמינקל פֿון שטעטלשע פֿײַערלעך, איר האַרץ ציט דאָרטן אַהין...

אָבער דער טונקעלער שאָטן ציט איר אַהער, ווּ ס'איז שטאַרק פֿינצטער — וואַלד...: — „ניין!“ — שרײַט מירל אויס און דערקענט נישט איר אייגן קול... פֿאַר אירע אויגן טוט אַ בליאַסק אַן עלעקטריש האַנטלעמפּל, פֿאַרבלענדט אין גאַנצן איר ראיה... דאָס לעמפּל צינדט זיך, לעשט זיך און צו ביסלעך נעמען זיך אויסשיילן געזילבערטע עפּאָלעטן, אָפֿיצערסקע קנעפּ, אַ ברייט היטל מיט א שמאָלער שנאָל אונטער אַ גוט ראַזירטער גאָמבע... מירל דערקענט דעם „וואַכמײַסטער פֿון צאָלאַמט“... שטענדיק בויערט ער זי אַדורך מיט זײַנע גזלנישע אויגן... די דאָזיקע תּאווה־בליקן ברענען אויף איר גוט אַנטוויקלטן קערפּער, אויף איר יונגמיידלשער ברוסט און — זיי פֿינקלען, שטעכן, טוען איר אויס נאַקעט... אָבער תּמיד זיצט ער זיך אויפֿן סטאַציאָן, ברייט צעלייגט אינעם ווייכן פֿאָטעל, שיקט אונטער קלענערע זשאַנדאַרן צום „**באַטאַפּן די לויטע**“... און הײַנט — ער אַליין, בכּבֿודו־ובֿעצמו, נישט אַנדערש, ער טשאַטעוועט טאַקע אויף איר... מירל פֿילט ווי איר הויט רונצלט, ציטערט; — „די בראָך איז נאָענט“... זי — לאָזט זיך שוין פֿירן... איר יונגער מוח עקבערט, זוכט עצות, אַנטרינונג: אפֿשר צעוואַרפֿן דאָס רענצעלע מיטן צוקער? אָדער גאָר איבערלאָזן די געציילטע פּאָר „קראָנען“? דער עיקר — ראַטעווען די לעדער, דעם טוטין... כאָטש ערגער וועט זײַן די בושה... זיי וועלן זיכער אַנטבלויזן איר יונג לײַב, זען דעם צניעותדיקן גוף, פּאַקן אַ גרויסן טרוק און אַוועקהרגענען פּרנסה־סודות... ניין, זי וועט זיך נישט לאָזן אויסטאָן, נישט אויפֿדעקן פֿאַר מענעראויגן איר בתולה־לײַב... ניין, קיין מאָל נישט...

* *

אין צאָלאַמט איז טונקל. אין אַ ווינקל דרימלט אַ האַלב אויסגעטאָן סאָלדאַטל, פֿאַרשפּרייט שווייסיקן טשאַד אינעם אָנגערייכערטן צימערל. אויפֿן פֿאַרקאָפּטשעטן קוימען זידט אַ בלעכערנער טשײַניק.

— „עפֿענען די טאַשע“ — באַפֿעלט דער שטרענגער וואַכמײַסטער, ציט אַראָפּ זײַן אָפֿיצערסקע רעקל, דעם שטײַפֿן קאָלנער, בלײַבט מיט אַ צעעפֿנט העמד, צעכראַסטעטער ברוסט און פּרוווט דערווײַל אַ ריר טאָן מירלען בײַ איר אויסגעפֿילטער טאַליע... זי שפּרינגט אויף, שטופּט אַוועק זײַן האַנט און עפֿנט גיך איר רענצעלע... די פּעקלעך צוקער גיבן אַ בלענד, גלײַך ווי פֿײַערצונגען... דעם וואַכמײַסטערס גראָבע פּנים ווערט פֿאַרכמאַרעט: — „וואָס איזט דאַס?“ — נאָגלט ער אײַן זײַנע שיכּורע אויגן אין מירלס צעשראָקענעם פּנים און מיט אָנגעיאָגטן כּעס דונערט זײַן גאַווערנדיק מויל:

— „צום טײַפֿל, וואָס איזט דאַס?“... מירל צעחושט, מיט קוים אַ הערבאַרער שטימע: — „צוקער, הער וואַכמײַסטער“ און פֿילט, אַז ס'וועט פּלאַצן דער בלאָטער...

פּלוצעם כאַפּט ער אירע הענט, צינדט זיך אָן ווי פֿײַער, זײַנע אויגן ווערן מוטנע, אָנגעגאָסן, ער נעמט זי שלעפּן צו אַ טיר... מירל ווערט זיך מיט אַלע כּוחות, דראַפּעט זײַנע פֿיבערדיקע הענט, זוכט אײַנצובײַסן די פֿלאַך פֿון זײַן דלאָניע און — פֿאַרגעסט „די פֿעסטונג“ אויפֿן גוף... אינעם קאַמפּגעפֿלעכט פֿון זייערע הענט, האָט דער צעיושעטער וואַכמײַסטער איר אַזוי אײַנגעקלעמט אין זיך, גלײַך זי וואָלט געוואָרן אַ טייל פֿון זײַן צעפּאַרעטן גוף, ר'האָט געגומען זוכן בײַ איר — לײַב... לײַב... און — ווי אַ צעברויזטע חיה אַרויסגעברומט:

„דאָנערוועטער! וואַרום זינד זי זאָ האַרט? „קרוצאַפֿיקס“, זינד זי דען אין אײַזן־געשמידט?“ –
מירל, ווי אין אַ פֿאַרמאַכטער שטײַג, וואָס ברענט פֿון אַלע זײַטן, שרײַט יאָמערלעך:

„טאַטעניו!“...

די פֿאַרמאַכטע טיר עפֿנט זיך מיט אַ הויכן סקריפּ. צוויי מאָגערע זעלנערלעך, סאַלוטירן געהאָרכזאַם:

— „נעמען זי זאָפֿאָרט דאַס מעדכען צום אונטערזוכען“ — באַפֿעלט שטרענג דער וואַכמײַסטער. און מאַכט דערווײַל צו רעכט זײַן מגושמדיקן הילוך...

אומבאַהאָלפֿן בלינצלט מירל מיט צעשראָקענעם קוק אויף די זעלנערס צעפּלאָשעטע קוטשמעס, אויף זייערע געדיכט באַהאָרטע ברוסטן און טוט אַ מוראדיקן אויסגעשריי: „נײַן ! — נימאַלס!...“

פֿון די זעלנערס שפּאָטישע געלעכטערן, קומט מירל תּיכּף צו זיך, דערפֿילט קלאָר די סכּנה, גלײַכט אויס איר געבויגענעם רוקן, מאַכט צו רעכט דעם צעשויבערטן קאָפּ און נעמט בעטן מיט רחמים:

—— „זאָל מיך אונטערזוכן אַ פֿרוי, כ'בעט אײַך, נאָר פֿון אַ פֿרוי, אָדער, איר קאָנט מיך שוין טייטן אויפֿן אָרט...“

מירלס לויטערנדיקע צניעות, איר טיפֿסטער געבעט, האָט דעם „היטער פֿון גערעכטיקייט“ אַזוי שטאַרק צעטומלט, אַז ר'האָט איר געגומען באַטראַכטן מיט אויפֿגעריסענע אויגן, מבֿולבלדיק, זײַנע פֿאַרמאָנטשעטע שוואַרצאַפּלען האָבן זיך אויסגעקלאָרט און מיט עפּעס אַן אָפּשײַ, אַ רוף געטאָן אַן אָפּבליאַקירטע שיקסע, מיט קלעצלפֿיס, האַלב

אָפּענעם בוזעם, וואָס האָט מירלען אַ שלעפּ געטאָן, ווי אַ קעלבל צו דער שחיטה... און — נאָך געציילטע מינוטן, אַרײַנגעבראַכט **די ווייכע לעדער**, נאָך וואַרעם פֿון מירלס גוף... און דער אויסגעפּילטער טוטין־גאָרסעט, איז געהאָנגען אויף דער שיקסעס פּלייצע, לעהיי אַ צירונגטוך...

אַ חייִשע געהירזשעריַ, שטיקנדיקע געלעכטערן, האָבן אַזש אָפּגעשלאָגן מיט ווידערקולות אונטערן הויכן סופֿיט... בלויז דער וואַכמײַסטער איז געבליבן ערנסט, אויסגעניכטערט און שטרענג — באַפֿוילן:

— „אַרײַנשיקן דאָס מעדכען!“...

מירל איז דערשינען דינער, שמאָלער, שלאַנקער און אויך — רויִקער... אויף איר אויסגעבלייכטן פּנים — נצחון פֿון גערײַטעוועטער צניעות...

דער וואַכמײַסטער שיקט אַרויס די דינערשאַפֿט... קוקט אויף מירלען לאַנג, שטום און מיט אַן אויפֿבליץ פֿון טיפֿער באַוווּנדערונג... אָבער, זײַנע יצר־הרע־אויגן, ווי מיט בלוט פֿאַרגאָסן, קוקן זשעדנע אויף דער קײַלעכדיקער פֿאָרעם פֿונעם קינסטלעכן גאָרסעט, וואָס האָט נאָך די רונדקייט פֿון מירלס יונג־מיידלערישן גוף... דער מאַן אין אים קעמפֿט מיטן אָנגעצונדענעם בלוט...

דער ריח פֿון מירלס פֿרישן לײַב, די קרעפֿטיקייט פֿון אירע פֿולע אַקסלען, פֿעסטקייט פֿון די ברייטע קלובעס, פֿאַרשיכּורן זײַנע פֿײַכטע אויגן, וואָס רויטלען זיך — צעגליט, ווי זשאַרענדיקע קוילן. זײַן ברייט אָנגעגאָסן פּנים, די אויפֿגעשפּיצטע אויערן, די בלאָנדע, שטײַפֿע האָר, ווי אויף אַ פֿידל־בויגן, אַלץ אין אים פֿרעסט מירלס יונגן פֿולבלעכן קערפּער... און — ווי פֿון אַ פֿרישן, ווילדן שטורעם געטריבן, וויקלט ער בײַ נײַס זײַנע פֿעסטע הענט אַרום מירלס דין געוואָרענער טאַליע... ער דערפֿילט שוין איצטער — **ווייכקייט**, רונדיקייטן... זײַנע גליִענדיקע פֿינגער בלאָנדזשען... פּרענגען... פֿאַרקלעמען... דערבײַ ברומט ער חייִש:

— „טראָציקע יודין! “ — „יודין!“

און מירל, פֿאַרדישעט, ווי אין אַ תּפֿיסה־צעל, ראַנגלט זיך מיט די לעצטע כּוחות, בעט מיט אַלע צערן פֿון דער וועלט: „שיס מיך בעסער! שיס!“...

זײַנע גליִענדיקע הענט האָבן פּלוצעם, — ווי פֿון אַ שפּיזנשטאָך — באַפֿרײַט מירלס קאָנוווּלסיוון גוף. ער איז געבליבן שטיין פֿאַרגליווערט, ווי אַ מצבֿה־שטיין. זײַנע פֿאַרנעפּלטע אויגן, ווי שיכּורלעך פֿאַרטשאַדעט, זײַנע געדיכטע ברעמען, ווי וואָנצעס ווילד־צעבערשטלט:

— „שיסן?“

דאָס דאָזיקע אויפֿריכטיקע געבעט מירלס, האָט ווי אַ פֿליִענדיקע קויל זיך אַ קאָלער געטאָן איבער זײַנע פֿאַרלוירענע רעיונות, ספּאָנטאַן זיך אויסגעגלײַכט, אַרומגעווישט פֿון געדיכטן שווייס און שוין אַ באַזינטער גענומען קוקן אויף מירלען מיט אַזאַ שטוינונג, גלײַך פֿײַערשפּיזעלעך וואָלטן געדרילעוועט זײַן מוח און — אַ שוואַרץ הײַטל איז אַראָפּ פֿון זײַנע מוטנע אויגן... ער זעט מירלס אומבאַרירלעכע אומשולד, עס דאַכט זיך אים, אַז מירל איז פּלוצעם צוגעוואָקסן, העכער געוואָרן, שטייט מיט איר אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ געמאָלענע יונגפֿרוי אויף אַ פּעדעסטאַל...

אַ שטאַרקער כּוח באַוועלטיקט זײַנע חייִשע אינסטינקטן... אַ דרך־ארץ־געפֿיל, לחלוטין אים פֿרעמד, דערלאָזט אים נישט מער צו קיין געוואַלדטאַטן...

— „ווי הייסן זי דען?“ פֿרעגט ער שטיל:

— „מירל.“

— „ווי אַלט זינד זי??“

— „16 יאָר...“

ער וויל איר אַ פֿרײַנדלעכן גלעט טאָן. מירל דערלאָזט נישט...

— „איך האַבע זי זייער גערן — פֿרוילײַן“...

— „דאַנקע שיין“...

— „פֿילײַכט עטוואַס צום עסן?“

— „דאַנקע שיין“...

— „וואָליען זי געין צו האַוזע?“

— „יאַ“...

דער וואַכמײַסטער טוט ווידער אַ רוף זײַנע צוויי משרתים, באַפֿעלט — הערשעריש:

„הערײַנפּאַקען אַלע דיזע דינגע.“

„מיטנעמען „דיזע טאַשע“, פֿירען דאַס מעדכען, אין **פֿולער אָרדענונג** — צו האַוזע... פֿאַרשטאַנען? אין פֿולער אָרדענונג“...

“יאַוואָהל הער וואַכמײַסטער” — סאַלוטירןביידע און ציִען זיך אויס, ווי שטעקנס.

מירל פֿאַרבליפֿט, אָט אַ בליק אויפֿן — **פלוצעם געמענטשלטן** — וואַכמײַסטער, אָט אויף די אונטערטעניקע באַדינערס און אָט אויף דעם גרעאַטעוועטן **רענצעלע**... גלייבט נישט אירע אויגן: איז דאָס וויזיע? חלום? און אפֿשר גאָר אַ פֿרישע פּאַסטקע?...

* *

אינעם שוואַרצן דרויסן — קאַלט, ווינטיק, מירלס פּנים גלײַך זי וואָלט עס געבראָטן בײַ אַ העליש פֿײַער. ווען זי געוווינט זיך אַ ביסל צו צום בײַנאַכטיקן טומאַן, זעט זי דעם אויסשפּרייט פֿון הימל — בלוי, אַפֿילו זילבערדיק —

אַדורכגעוועבט... די געדיכטעביימער אינעם לובלינער וואַלד, קוקן איר אויס, ווי שׂימחת־תּורה־פֿענער, און די שטערן אין הימל, ווי קליינע ליכטעלעך איבער זייערע גרויסע צווײַגנקעפּ...

דאָס שמאָלע סטעשקעלע צווישן די נידעריקע וואַלדגראָזן, שלענגלט זיך ביזן שטעטל אַרײַן, קוקט אויס, ווי אַ ברייטער, גרויער, צעקעמטער שרינט...

דער וואַלדיק־שמעקנדיקער יאָלאָוויעץ, פֿאַרשיכּורט איר מיט זײַנע היילנדיקע בשׂמים־ריחות.

צווישן באַוואַקסענע קוסטעס, שמעקן מיט כּלערליי טעמים — רויטע יאַגדעס און פֿרישע שוואָמען.

אויף די נאָדלביימער, אַ פֿייגל־געצוויטשער, אין וועלכן עס פֿלעכטן זיך אויך אַרײַן מוזיקאַלישע טענער פֿון ערגעץ — ווײַטע קוקאַווקעס... אַפֿילו די לאַנגע שורה טעלעגראַפֿן־סלופּעס, זשומען מעלאָדיש, ווי אַ צושטײַער צו דער נאַכטיקער וואַלד־סימפֿאָניע... פֿון צײַט צו צײַט גיבן פֿליִענדיקע שטערן אַ שנײַד אַדורך, ווי זילבערשפּיזן, דעם לויטערן הימל... די צוויי דאַרע זעלנערלעך, אין לאַנגע שינעלן, מיט קורצע שווערדלעך אין זייערע אײַנגעצויגענע טאַליעס, שפּרײַזן נעבן מירלען דרך־ארצדיק, מוזן רעספּעקטירן דעם **שטרענגן באַפֿעל**... דאָך, טייל מאָל, בײַ אַ הויך בערגל, אַ טיף גריבל, גיבן איר אַ נעם בײַ די הענט, דערפֿילן מירלס מוראדיקן אויפֿציטער... פֿאָרט — צוויי געזונטע מענער, אַ יונגע מויד, אין ווילדן וואַלד — אַליין... אָבער, זיי געדענקען: — „פֿירען דיזעס מעדכען אין פֿולער אָרדענונג“... פֿאַרבײַסן זיי די ליפּן און — מ'שפּאַנט...

מירלס גאַנג — לײַכט, גרינג, האָפֿערדיק — אַזעלכע נסים?— נאָר זכות־אָבֿות זײַנען איר בײַגעשטאַנען...

ס'איז טיפֿע נאַכט, מירל זעט שוין דעם רייענטס גרויסן גאָרטן, אַראָפּגעפֿאַלענע קאַשטאַנעס פֿון די וועלקנדיקע ביימער, דאָס אומהיימלעכע האַווקען פֿונעם שוואַרצן בולדאָג, דאָך, זי דערקענט נישט דאָס שטעטל. איר שײַנט זי בלאָנדזשעט... עפּעס אַזאַ געדעמפּטע שטילקייט, ווי פֿאַר אַ שטורעם... דער אויסגעשטערנטער הימל ליגט אַזוי נידעריק, כּמעט אויף די צונויפֿגעטוליעטע דעכער, עס דאַכט זיך איר, אַז דער גאָלדענער צלם אויפֿן קלויסטערשפּיץ וועט **אַדורכלעכערן** דאָס האַלבע **לבֿנה־ראָגעלע**...

אויף די שלאָפֿנדיקע געסלעך איז שטיל, פֿינצטער. די שטאָטלאַמטערן וואַרפֿן שאָטנס אויף שלײַכנדיקע ייִדן, מיט ליכטער און ספֿרימלעך אונטערן אָרעם, טשאַפּען זיי צום העל באַלויכטענעם בית־מדרש, פֿון וואַנען וויינענדיקע סליחות־טענער וואַרפֿן אָן אַ פּחד פֿאַרן קומענדיקן יום־הדין...

בײַם זייגער־מאַכער אויפֿן סאַמע פֿענצטער, ברענט דער גרויסער בליצלאָמפּ — טיף אַראָפּגעדרייט, דינע שטראַלן צעלייגן טונקעלע שאָטנס אויפֿן שוואַרצן טראָטואַר... מירלס פֿאַרטרויערטע מוטער, מיטן געמאַרשטשעטן יום־כּיפּור־פּנים, אײַנגעהאָרכט אין מינדסטן שאָרך, לויפֿט פּלוצעם אַנטקעגן **גייענדיקע סילועטן**... דערזעט מירלס **דינעם גוף**, איר **מאָגערע טאַליע**, לאָזט זי אַרויס אַ הויכן קוויטש: — „אַ בראָך אָט אינץ געטראָפֿן — אויס **לעדער**, אויס **טוטין**, אויס — פּרנסה...“

אין שטוב, זיצט דער זייגער־מאַכער אין אַ ווינקל מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ... די שוועסטערן כליפּען, ווי נאָך אַ טויטן...

מירל טוט אַ פֿריידיקע אַ צעעפֿן דאָס אָנגעפּאַקטע רענצעלע, וווּ די **לעדער**, **טוטין**, **צוקער**, ליגן אויסגעמישט, ווי אָפּגעראַטעוועטע נאָך אַ גרויסער שׂרפֿה...

דער פֿאָטער האָט באַלד אויפֿגעדרייט דעם האַלבן בליצער, ס'האָט אַ פֿלייץ געטאָן מיט אַזאַ ליכטיקייט, אַז די ווײַסע קאַץ אויפֿן שוואַרצן פּריפּעטשיק איז אַזש אַנטלאָפֿן מיט אַ בהלה... די שוועסטערן זײַנען געפֿאַלן אויף מירלס האַלדז מיט אַ הויכן **בעטש**... די מאַמע האָט אויפֿגעהויבן אירע פֿרומע הענט צום בלייכן סופֿיט: —„געלויבט השם־יתברך פֿאַרן גרויסן נס“...

און ס'האָט אויסגעקוקט, גלײַך די אָרעמע שטוב, די אָפּגעשיילטע ווענט, די לאָמע שאַנק, די הינקענדיקע טירן און אַפֿילו דער אויסגעשטערנטער הימל, וואָס איז כּמעט געלעגן אויפֿן צעבראָכענעם באַלקאָן, אַלץ האָט באַקומען דעם ליכטיקן אויסזען, ווי ערבֿ אַ גרויסער פֿרייעלכער חתונה...